בס"ד

וישב חנוכה תשפ"ו

גליון 263

דער ריינער קוואל

# דעם רבינ'ס ליכט



**אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין וואס דאָ האָט זיך געטאָן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער קעניג נעבן קראנקן בעט

די הייליגע חֲנוּכָּה טעג קומען צו גיין. טייערע קינדער, מען דארף וויסן אַז דאס יאר גייט קומען אַ יום טוב חֲנוּכָּה וואס איז נאך קיינמאל נישט געווען אַזאנס, מען מאכט טאקע אַ בְּרָכָה שֶׁעָשָׂה נִסִּים לַאֲבוֹתֵינוּ בַּיָּמִים הָהֵם, בִּזְּמַן הַזֶּה – היינטיגע צייטן!

דער רבי לערנט אונז אויס (תּוֹרָה קכ"ה חֵלֶק שֵׁנִי) אַז ווען מען זאגט תְּהִלִּים, דארף מען דאס טייטשן אויף אַן אופן אַז די אַלע מִלְחָמוֹת וואס דָּוִד הַמֶּלֶךְ האט געבעטן אַז דער אויבערשטער זאל אים ראטעווען – דאס אַלעס דארף מען בעטן אויף זיך, אַז דער אויבערשטער זאל מיך ראטעווען פון מיינע פיינט.



די זעלבע זאך ביי חֲנוּכָּה ווען מען רעדט פון די יְוָנִים מיינט מען די יְוָנִים פון היינטיגן דור וועלכע פרובירן מיט אַלע כּוֹחוֹת און אוֹפַנִּים צו מְטַמֵּא זיין, צו צוברעכן און אראפּוואַרפן יעדער איינער פון אונז. ווען מען זינגט דער ניגון "יְוָנִים נִקְבְּצוּ עָלַי" דארף מען דאס אויסטייטשן אויף זיך, אַז די יְוָנִים האבן זיך פארלייגט "עָלַי" - אויף מיר, "חוֹמוֹת מִגְדָּלַי" - זיי ברעכן זיך אַריין אין מיין מֹחַ, אַז מיין מֹחַ זאל זיין אָפן צו די גאס און חַס וְשָׁלוֹם זיך נישט קענען היטן די מַחֲשָׁבוֹת.

אָבער קעגן זיי האבן מיר היינט כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וואס זענען לוחם פאר אונז די מִלְחָמָה, און זיי זענען ממשיך די קְדוּשָּׁה מיט די הָאָרָה פון בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אויף כְּלַל יִשְׂרָאֵל בִּכְלָל און אויף יעדן איד בִּפְרָט. ביי זיי ליגט די הייליגע שֶׁמֶן וואס דאס איז מְרַמֵּז אויף די ליכטיגקייט און דַּעַת וואס איז געבליבן אינגאנצן ריין אָן קיין שום תַּעֲרוֹבֶת פון קרומע דֵּעוֹת מיט שלעכטע אינטערעסן.

רַבִּי נָתָן ברענגט אין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת אַ געוואלדיגע מָשָׁל: עס איז אַמאל געווען אַ גרויסער קעניג וואס האט געוועלטיגט איבער גאר אַסאך מְדִינוֹת מיט אַ שטאלצקייט און שטארקייט. צו קענען אַריינגיין צו דעם קעניג האט מען געדארפט מאכן אַסאך תַּחְבּוּלוֹת, מען האט געדארפט האבן גרויסע פּראָטעקציע, און נאכאלץ איז געווען זייער שווער

אָנְצוּקוּמֶען צוּ אִים. אַמָאל אִיז אֵיינֶער פוּן דִי נָאנְטֶע מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם קֶענִיג אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ שְׁוֶוערֶע קְרֶענְק, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען אַזוֹי קְרַאנְקֶערְהֵייט צוּם קֶענִיגְ׳ס פַּאלַאץ, אָבֶער דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּענְקְט אוּן גֶעוָואלְט זִיךְ זֶען מִיט אִים, אִיז דֶער מֶלֶךְ מִיט זַיין גַאנְצֶע פָּמַלְיָא גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין אִין זַיין שְׁטוּבּ אִים צוּ בַּאזוּכְן. מֶען קֶען אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין אִין וָואסְפַאַרַא מַצָּב דֶער קֶענִיג הָאט אִים גֶעטְרָאפְן, עֶר אִיז גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט מִיט שְׁלָאף קְלֵיידֶער קְרַאנְק אוּן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען רֵיין אוּן אוֹיפְגֶערוֹימְט אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט וֶוען מֶען נֶעמְט אוֹיף אַזַא גְרוֹיסְ׳ן חָשׁוּבְ׳ן גַאסְט.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז וֶוען דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען, אַז מֶען הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט זֶען מִיטְ׳ן מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הָאט מֶען זִיךְ גֶעדַארְפְט מְטַהֵר זַיין סַיי דִי גוּף אוּן סַיי דִי נֶפֶשׁ אוּן אַזוֹי הָאט מֶען גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען צוּ הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, אָבֶער הַיינְט וֶוען מֶען אִיז טִיף טִיף אִין גָלוּת סַיי בִּכְלַל אוּן סַיי יֶעדֶער אֵיינֶער בִּפְרַט, הָאבְּן דִי חֲכָמִים ז״ל מְתַקֵּן גֶעוֶוען אַ יוֹם טוֹב אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע טִינְקֶעלֶע פִינְסְטֶערֶע גָלוּת, אוּן דֶער מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים קוּמְט אַרָאפּ צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אוּנְז אוּן גִיט אוּנְז אַן הֶאָרַת פָּנִים. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (תּוֹרָה ז׳ תִּנְיָנָא) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק: ״יָאֵר הַשֵּׁם פָּנָיו אֵלֶיךָ וִיחֻנֶּךָּ״, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאשַׁיינֶען זַיין פָּנִים צוּ דִיר, ״וִיחֻנֶּךָּ״, מֵיינְט חֲנוּכָּה, וָואס דַאן קוּמְט דִי שְׁכִינָה אַרָאפּ גָאר נִידְרִיג אוּן עֶר גֶעפִינְט זִיךְ נָאנְט - מַמָּשׁ לֶעבְּן אוּנְז.

נָאךְ אַ טַייטְשׁ שְׁרֵייבְּט רַבִּי נָתָן אַז ״חֲנוּכָּה״ מֵיינְט ״חִנּוּךְ״. אַזוֹי וִוי וֶוען אַ קְלֵיין קִינְד הֵייבְּט אָן צוּ רֶעדְן לֶערְנְט אִים זַיין טַאטֶע אוֹיס עֶר זָאל מַאכְן אַ בְּרָכָה, אָנְטוּן צִיצִית, אוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה אִים צוּ מְחַנֵּךְ זַיין, אֲפִילוּ נָאךְ דֶעם וֶועט דָאס קִינְד זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן אוּן צוּרִיקְגֵיין צוּ זַיינֶע שְׁטוּתִים, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט זַיין טַאטֶע אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ פוּן יֶעדֶע קְלֵייעֶ תְּנוּעָה וָואס עֶר פָּאלְגְט אִים. פּוּנְקְט אַזוֹי אִיז בַּיי אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער קִינְד אָדֶער אַ גְרֶעסֶערֶער מֶענְטְשׁ, אַז אֲפִילוּ עֶר אִיז נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער עֶר וֶוערְט נָאךְ אָנְגֶערוּפְן אַ קְלֵיינֶער וַוייל זַיין מֹחַ לִיגְט אִין קַטְנוּת, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַ גְרוֹיס נַחַת רוּחַ פוּן יֶעדְן קְלֵיינֶע תְּנוּעָה וָואס עֶר טוּט, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר טַייעֶר בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אַזוֹי וֶוערְט מֶען מְחֻנָּךְ צוּ וֶועלְן טוּן נָאךְ אוּן נָאךְ גוּטֶע זַאכְן, אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דִי קְלֵיינִיקֵייטְן אוּן מֶען דַאנְקְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, קֶען מֶען שְׁפֶּעטֶער בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער זִיךְ צוּ קֶענֶען הַאלְטְן אוֹיף וַוייטֶער. דָאס אִיז אַלֶעס מִיטְ׳ן כֹּחַ פוּן חֲנוּכָּה.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין, צוּ בַּאלֶעבְן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג מִיט קְדוּשָׁה אוּן שִׂמְחָה, מִיט אַ נַייעֶ חִנּוּךְ אוּן הִתְקַרְבוּת צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין אוּנְז דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי לִיכְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. אוּן בְּקָרוֹב זוֹכֶה זַיין צוּ דִי לִיכְט פוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן.

# אֵיין אַשָׁה'לֶע



לְכָבוֹד דִי מַעֲרֶכֶת פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵׁם דִי זְכִיָּה יֶעדֶע וָואךְ צוּ לֵיינֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט. אִיבֶּערְהוֹיפְּט הָאבְּן דִי קִינְדֶער הֲנָאָה פוּן דִי מַעֲשֶׂה'לֶעךְ פוּן תְּפִלָּה וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט זֵיי אַרַיין אִין זֵייעֶר אֵייגֶענֶע טָאג טֶעגְלִיכֶע אֱמוּנָה לֶעבְּן.

אַצִינְד וֶועל אִיךְ דָא דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס לוֹיפְט אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ וִוי יֶעדֶע וָואךְ:

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵׁם בַּאשָׁאנְקֶען גֶעוָוארְן מִיט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע מַתָּנָה פוּן אַ מַחֲנֶה פוּן בָּנִים בְּלִי-עַיִן-הָרָע. פָארִיגֶע יָאר הָאבְּן מִיר בַּר-מִצְוָה גֶעמַאכְט אוּנְזֶער עֶרְשְׁטֶער זוּן אוּן דָאס יָאר אַ צְוֵוייטֶער.

וֶוען נַחְמָן הָאט בַּר-מִצְוָה גֶעהַאט, זֶענֶען מִיר אַרִיבֶּער אַן אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְטֶע תְּקוּפָה וֶוען מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט זִיךְ צוּ גְרֵייטְן צוּ דֶער בַּר-מִצְוָה. מִיר הָאבְּן זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט פַארְלוֹירְן נָאר יֶעדְן טָאג מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אַרַיינְשִׁיקְן אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן פַאר דִי בַּר-מִצְוָה.

אִיבֶּערְהוֹיפְּט הָאט נַחְמָן אַרַיינְגֶעלֵייגְט פִּיל כּוֹחוֹת אִין תְּפִלָּה. אוּן מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵׁם גֶעזֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ קְלֵיין בִּיסְל גֶעלְט זֶענֶען מִיר אַרוֹיס מִיט נַחְמָן צוּ קוֹיפְן עֶפֶּעס וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט פַאר דִי שְׁטָאפִּיר. אֵיין טָאג אִיז עֶס גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע הֶעמְדֶער, אַ וָואךְ שְׁפֶּעטֶער נַייעֶ שִׁיךְ. פוּן צַייט צוּ צַייט אִיז נַחְמָן אַרַיין אִין גֶעשֶׁעפְט אָפְּצוּנֶעמֶען אֵיינְס אָדֶער צְוֵויי זַאכְן פוּן דִי בַּאשְׁטֶעלוּנְג.

מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס נַחְמָן הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט אָנְגֶעקְלִיבְּן, אִיז זַיין הוֹדָאָה גֶעשְׁטִיגְן. עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּיגְלְט אוּן גֶעטְשַׁאטְשְׁקֶעט מִיט זַיינֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט.

בְּעֶרֶךְ אַזוֹי אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען דִי לֶעצְטֶע חֹדֶשׁ פַארְן בַּר-מִצְוָה. בִּיז צוּם גְרוֹיסְן טָאג, זֶענֶען מִיר נָאךְ גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען צוּ עֶנְדִיגְן אַיינְהַאנְדְלֶען אַלֶע גֶעבְּרוֹיכְן. אָבֶּער גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט צוּם סוֹף אַלֶעס גֶעהַאט מִיט אַ רַחֲבוּת, סְ'הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט. וֶוען נַחְמָן הָאט אַרַיינְגֶעשְׁפַּאנְט אִין זָאל צוּ זַיין בַּר-מִצְוָה, הָאט עֶר גֶעשַׁיינְט מִיט אַ סְפֶּעצִיעֶל שַׁיין וָואס נָאר הֲכָנוֹת פוּן תְּפִלָּה אוּן הוֹדָאָה קֶענֶען שֶׁענְקֶען.

אַרִיבֶּער אִיז אַ יָאר מִיט-אַ-הַאלְבּ. דֶער טָאג פוּן שִׁמְעוֹנְ'ס בַּר מִצְוָה הָאט זִיךְ עֶנְדְלִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט. צְוֵויי חֳדָשִׁים פַאר דִי בַּר-מִצְוָה הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַרֵיינְגֶעשִׁיקְט אַ הַרְחָבָה אוּן מִיר הָאבְּן מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ וִוידְמֶען דָאס גֶעלְט אוֹיף דִי בַּר-מִצְוָה. אִין אַ טָאג וֶוען אִיךְ בִּין מְמֵילָא גֶעוֶוען אִין יְרוּשָׁלַיִם, הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען שִׁמְעוֹן צוּ אַיינְקוֹיפְן זַיין גַאנְצֶע בַּר-מִצְוָה שְׁטָאפִּיר.

כִּמְעַט קַיין אֵיין תְּפִלָּה הָאט שִׁמְעוֹן נִישְׁט פַארְגָאסְן!

אַךְ, אַ גְלִיק אוֹיף שִׁמְעוֹנְ'ס קָאפּ, הָאבּ אִיךְ גֶעקְלֶערְט. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַרִיבֶּערְגֵיין דִי אָפְּקוּמֶענִישְׁן וִוי נַחְמָן נֶעבֶּעךְ. אִין אֵיין מִינוּט הָאט עֶר בַּאקוּמֶען זַיין גַאנְצֶע שְׁטָאפִּיר, אַלֶעס אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן: אַ קַאפֶּעלוּטשׁ, צְוֵויי רֶעקְלֶעךְ, אַ בֶּעקִיטְשֶׁע, הוֹיזְנְס, אַ סְוֶועדֶער, שַׁאל, הֶעמְדֶער, וֶועשׁ, זָאקְן, שִׁיךְ, אֲפִילוּ אַ תְּפִלִּין-בַּייטְל הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין גֶעקְלִיבְּן!

ווי עֶרשְׁטוֹינְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען צוּ בַּאמֶערְקְן אַז שִׁמְעוֹן אִיז גָארְנִישְׁט אַזוֹי פְרֵיילִיךְ.

וָואס אִיז גֶעשֶׁען? עֶר הָאט שׁוֹין אַלֶעס, פַארְוָואס זָאל עֶר זַיין טְרוֹיעֶרִיג?

"טַאטִי, קוּק, דִי קַאפֶּעלוּטשׁ שְׁטֵייט אַבִּיסְל קְרוּם," הָאט עֶר מִיר גֶעוִויזְן.

אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעטוּן מַיין בְּרִילְן צוּ קֶענֶען בֶּעסֶער בַּאטְרַאכְטְן וִוי קְרוּם דִי קַאפֶּעלוּטשׁ שְׁטֵייט אָבֶּער כְ'הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעזֶען. כְ'הָאבּ צוּרִיק אָנְגֶעטוּן דִי בְּרִילְן, גֶעקוּקְט רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס אוּן יָא, כְ'הָאבּ עֶס בַּאמֶערְקְט, דִי קַאפֶּעלוּטשׁ אִיז מִיט אַ צֶענְטִימֶעטֶער עֶטְוָואס גֶעבּוֹיגְן, נָאר אוֹיבּ מֶען בַּאטְרַאכְט עֶס גֶענוּג לַאנְג פוּן דֶער נָאנְט, קֶען מֶען עֶס בַּאמֶערְקְן.

"מֶען דַארְף צוּרִיקְגֵיין צוּ גֶעשֶׁעפְט," הָאט שִׁמְעוֹן דֶעקְלֶערְט.

דָאס אִיז נָאר גֶעוֶוען דֶער אָנְהוֹיבּ. שִׁמְעוֹן הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ צַייט גֶעבְּלִיבְּן בִּיז צוּ זַיין בַּר-מִצְוָה. יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מִיט שִׂמְחָה אַרוֹיסְגֶענוּמֶען זַיין שְׁטָאפִּיר צוּ בַּאטְרַאכְטְן זַיין גְלִיק, אָבֶּער אוֹיסֶער פֶּעלֶערְן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן זַיין גְלִיק.

דִי קָאלִיר פוּן דִי רֶעקְלֶעך אוּן גֶעוֶוען צוּ טוּנְקְל, דִי שְׁטְרַייפְן דֶערוֹיף צוּ בְּרֵייט. דִי תְּפִלִּין בַּייטְל אִיז שׁוֹין אַלְט-מָאדִישׁ, זַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן גֶעקְלִיבְּן בַּיי 'תִּפְאֶרֶת יִשְׂרָאֵל' וָועלְכֶע הָאבְּן אַסַאךְ שֶׁענֶערֶע בַּייטְלֶעך. דִי קַאפְּל אִיז צוּ גְרוֹיס, דִי שִׁיךְ צוּ בְּרֵייט, דִי זָאקְן צוּ לַאנְג...

"שִׁמְעוֹן, וָואס בִּיסְטוּ אַזַא נַאר! גֶעדֶענְקְסְט נִישְׁט וִוי נַחְמָן הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט בִּיז עֶר הָאט גֶעקֶענְט עֶנְדִיגְן אַלֶעס אֵיינְקוֹיפְן? דַאנְק דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיינֶע חֲסָדִים. דוּ הָאסְט שׁוֹין דַיין שְׁטָאפִּיר. וָואס הָאסְטוּ גֶעוָואלְט? אַרוּמְלוֹיפְן יֶעדְן טָאג צוּ אַן אַנְדֶערֶע גֶעשֶׁעפְט צוּ אַיינְהַאנְדְלֶען צְוֵויי זָאכְן אוֹיף דַיין בַּר-מִצְוָה?"

"אָבֶּער אָבֶּער, קוּק, כְ'ווִיל עֶכְט זַיין פְרֵיילִיךְ נָאר וָואס קֶען אִיךְ טוּן, דִי קַאפֶּעלוּטשׁ אִיז בֶּאֱמֶת קְרוּם אוּן דִי שִׁיךְ פַאלְט מִיר אַרוֹיס פוּן מַיינֶע פִּיס. אוּן קוּק וִוי דִי הַזְמָנוֹת זֶענֶען אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזוֹי טוּנְקְל, סְ'הָאט נִישְׁט קַיין אֵיין טְרָאפּ גָאלְד אָדֶער זִילְבֶּער, נָאר שְׁוַוארְץ שְׁוַוארְץ."

אַנְשְׁטָאט צוּ נוּצְן דִי צַייט אוֹיף תְּפִלָּה אוּן הוֹדָאָה זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען צוּרִיקְצוּטְרָאגְן דִי קַאפֶּעלוּטשׁ צוּ פַארְעֶכְטְן אוּן דִי שִׁיךְ צוּ בַּייטְן.

נָאךְ אַלֶעס הָאבּ אִיךְ מִיךְ גֶעלֶערְנְט אַ לִמּוּד צוּ נוּצְן בַּיי מַיינֶע קוּמֶענְדִיגֶע בַּר-מִצְוָה'ס בְּעֶזְר הַשֵּׁם. אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל הָאבְּן דִי גֶעלְט, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַוַודַאי הֶעלְפְן, וֶועל אִיךְ נִישְׁט טוּן נָאכְאַמָאל אַזַא נַארִישְׁקַייט אוּן עֶרְלוֹיבְּן אַ קִינְד צוּ קוֹיפְן זַאכְן אָן מַאכְן תְּפִלּוֹת פְרִיעֶר. יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען קָאכְט אוֹיס מִיט תְּפִלָּה הָאט גָאר אַן אַנְדֶערֶע בַּאדַייט. מֶען הָאט מֶער סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא בַּיים אַיינְקוֹיפְן אוּן דָאס קִינְד וֵוייסְט מֶער צוּ שֶׁעצְן וָואס עֶר בַּאקוּמְט.

אַזוֹי ווִי ר' נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן ר' יִצְחָק וֶועלְכֶער הָאט גֶעהַאט גָאר אַ נָאנְטֶער חָבֵר ר' מָרְדְּכַי, הָאט ר' נָתָן אִים גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ בִּיסְטוּ מִתְפַּלֵּל אוֹיף דֶעם אַז דוּ הָאסְט אַ גוּטֶער חָבֵר, דוּ בֶּעטְס פוּן בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל טַאקֶע זַיין דַיין אֱמֶת'ר חָבֵר אַלֶעמָאל, דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ דִיר מְקַנֵּא אַז דוּ הָאטְס אַזַא גוּטֶער חָבֵר, אוּן אוֹיבּ בִּיסְטוּ נִישְׁט מִתְפַּלֵּל אוֹיף דַיין חָבֵר'שַׁאפְט וָואס דוּ פַארְמָאגְסְט, בִּין אִיךְ דִיר נִישְׁט מְקַנֵּא [מִיט אַזַא חָבֵר]."

יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען ווִיל אָדֶער וָואס מֶען הָאט דַארְף זַיין בַּאגְלֵייט מִיט דַאנְקְן אוּן תְּפִלָּה צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן!




**א ווארימע תפילה אויף חנוכה.** העלף מיר טאטע צו מקיים זיין די מצוה פון חנוכה ליכט ווי עס דארף צו זיין, מיט אלע פרטים און דיקדוקים און כוונת. און צו מקיים זיין אלע מצות פון חנוכה מיט א גרויס שמחה, דיר צו דאנקן און לויבן און דיר בענטשן, זאגן גאנץ הלל מיט גרויס פרייד און התעוררות מיט גרויס קדושה און טהרה. און זוכה זיין צו ממשיך זיין באמת אלעמאל אויף אונז די שעשועים פון עולם הבא, וואס דאס מיינט דאנקן צו דיין גרויסן נאמען, בפרט אין ימי חנוכה.

(ליקוטי תפלות ב׳ תנינא)

המשך פון זייט 16

# אֵיינְזַאם אַלֵיין

זַיין חַבֵר יַעְנְקִי. אוֹיסֶער אִים, הָאט עֶר דָאךְ שׁוֹין נִישְׁט קֵיין אֵיין חַבֵר! עֶר אִיז אָבֶער גֶעווֹאוֹיר גֶעוָוארְן אַז יַעְנְקִי זִיצְט נָאכְן חֵדֶר אִין בֵית מֶדְרָשׁ ׳חֶמְדַת הַתּוֹרָה׳. אִיז שָׁאוּל אַהִינְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעזֶען וִוי יַעְנְקִי זִינְגְט זִיךְ אוּנְטֶער אַ גֶעשְׁמַאקֶע גְמָרָא לִיד, מִיט אַ זִיסְקַייט וָואס הָאט נִישְׁט זַיין גְלַייכְן.

”מַיין טַייעֶרֶער חַבֶר שָׁאוּל, וָואס מַאכְסְטוּ עֶפֶּעס? אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק דִיר צוּ זֶען נָאכְאַמָאל, אִיךְ הָאבּ דִיר דָאךְ שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג נִישְׁט גֶעזֶען... דוּ וֵוייסְט? אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵׁם בַּיי דִי לֶעצְטֶע פָּאר בְּחִינוֹת גֶעקֶענְט אִיבֶּער 90%! אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵׁם אוֹיךְ פְּרִישֶׁע חַבְרוּתוֹת. אוּן וָואס מַאכְסְטוּ עֶפֶּעס גוּטְס?

שָׁאוּל מַאכְט גְלַייךְ אַוֶועק מִיט חוֹזֶק, ”אַךְךְךְ, דִי אַלֶע בְּחִינוֹת, דִי מְלַמְדִים ווִילְן סְתַּם מַאכְן זִיכֶער אַז מֶען פַאלְט דוּרְךְ אוּן מֶען קֶען נִישְׁט...” אוּן אַזוֹי הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעגָאסְן פֶּעךְ אוּן שְׁוֶועבְל.

נָאךְ אַ קוּרְצֶע וִויכּוּחַ, הָאט אִים יַעְנְקִי גֶעזָאגְט: ”שָׁאוּל, פַארְוָואס רֶעדְסְטוּ אַזוֹי? פַארְוָואס?! דוּ גֶעדֶענְקְסְט נָאךְ וֶוען אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט אַז הַלְוַואי קוּמְסְטוּ אָן צוּ מַיין תְּמִימוּת, אוּן דוּ הָאסְט גֶעלַאכְט אוּן גֶעשְׁפֶּעט? קוּק זִיךְ נָאר אוּם: דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין חֲבֵרִים, דוּ פְּלַאצְט פוּן לַיידִיגְקַייט אִין שְׁטוּבּ, אָן קֵיין סְדָרִים, אָן קֵיין לִימוּדִים, אָן קֵיין שִׂמְחָה אוּן סִיפּוּק. דוּ זָאלְסְט וִויסְן - שָׁאוּל - אַז אַלֶעס מַאכְט מֶען פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה, אוּן מִיר דַארְפְן זִיךְ בְּלוֹיז פְרֵייעֶן אוּן דַאנְקְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער תְּמִימוּת׳דִיגֶערְהֵייט אוֹיף דֶעם מְלַמֵד, אוֹיפְן חֵדֶר, אוּן אוֹיף אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אַרוּם אוּנְז.



# ומנותר קנקנים

## נעשה נס לשושנים

היינט בחסדי השם עלינו איז גרויס געווארן דעם רבינ׳ס נאמען און מען קען שוין באגעגענען פיל ברסלב׳ער חסידים פון אלע סארטן קרייזן: אשכנזי׳שע און ספרדיש׳ע, חסידיש׳ע און ליטוויש׳ע, בלי עין הרע. די אלט-נייע הייליגע וועג איז שוין באוואוסט איבער דער גאנצער וועלט. עס זענען פאראן ברסלב׳ער שולן אין יעדע שטאט און געגנט אז קיין איינער שפירט זיך נישט אליין אין זיין וועג...

...אבער נישט אלעמאל איז דער מצב אזוי געווען. עס זענען געווען יארן וואס מען האט געקענט ציילן די מתפללים אין דעם גרויסן שול מאה שערים מיט די פינגער! די התנגדות איז געווען אזוי געפערליך אז מען פלעגט ווארפן און צורייסן רח״ל דעם רבינ׳ס ספרים, און רודפ׳ן ווער עס האט זיך נאר געוואגט עפעס מקרב צו זיין צום אור. מ׳איז אזוי צוגעוואוינט צו דעם מצב היינט אז קיינער טראכט גארנישט אז א געוואלדיגע נס קומט דא פאר אנטקעגן די אויגן... ומנותר קנקנים פון די ביסל אידעלעך וואס זענען געשטאנען קעגן דער גאנצער וועלט מיט זייער אמונה אין צדיק מיט א תמימות און תפילה, איז געווארן א נס לשושנים א וואונדערליכע נס פאר אלע אידן די ליכטיגקייט פון צדיק ווערט פארשפרייט מער און מער. נאך אידן לאזן זיך וואקסן זייער בארד און פיאות, נאך אידן הייבן אן זיך צו אויסרעדן פארן אויבערשטן, דער רבינ׳ס ליכט שיינט אויף...

אזוי ווי בימים ההם, אין די צייטן פון די יונים ווען מען האט געוואלט גיין אנצינדן די מנורה איז געווען אסאך קריגלעך שמן צו געפינען אין בית המקדש, אבער זיי זענען נישט געווען לויטער, זיי זענען נישט געווען פארזיגלט מיטן חותם פון כהן גדול ווייל די יונים האבן עס מטמא געווען, ביז מען האט געטראפן די קליין

קריגעלע מיט אביסל לויטערע שמן זית זך, און פון די ביסל האט דער אויבערשטער געמאכט דעם גרויסן נס עס זאל ברענען אכט טעג.

אזוי אויך היינט אין די לעצטע דורות פאר משיח, ווען די וועלט איז פארפלייצט מיט יוני׳שע השקפות און גוי׳שע חכמות, יעדער איינער זוכט א לייזונג צו זיינע פראבלעמען, א גוטע עצה וואס זאל אים ליכטיג מאכן אין פינסטערניש, מען זוכט אזוי ווי די אידן אין בית המקדש אביסל לויטערע שמן, אביסל ריינע דעת, לויטערע השקפה ווי אזוי צו צוגיין צום לעבן, און אויך היינט איז דא אסאך "דעת" צו געפינען. יעדער צווייטער שמויגער האט שוין אויסגעטראפן א נייע וועג און אן אויסטערלישע פלאן ווי אזוי צו אויסלייזן דעם מענטש פון אלע זיינע צרות, אבער ס׳איז נישט לויטער, סאיז נישט דער ריינער ציכטיגער אמת, נאר די וואס געבן נישט אויף און בלייבן זוכן ווייטער זיי געפונען, ביי עס געשעט נאכאמאל דער נס פון ׳פך השמן׳, זיי טרעפן צום סוף די קליין פייער׳ל וואס וועט טלוען ביז משיח וועט קומען...

אזוי ווי די ליכט פון חנוכה וואס איז מוסיף והולך, פון אביסל גייט עס מער און מער, אזוי אויך דעם רבינ׳ס זאך אין אנהייב, פאר יארן צוריק האט אויסגעזעהן אזוי ווי א נעבעכדיגע ליכטעלע אין טונקל, איינציגע האבן זיך מקרב געווען, א חסיד אין טבריה איינער אין צפת א צווייטער און ירושלים... נאך אפאר אין פוילן, אין אוקריינע, זיי זענען געווען ווייניג, שוואך, מען האט זיי אנגעקוקט ווי משוגעים, מאדנע מענטשן, ארעמע נרדפים, און אנטקעגן זיי זענען געווען אזויפיל מתנגדים שטארקע און חשוב׳ע מענטשן, אנגענומען איבער דער וועלט, אבער ביסלעכווייז איז די ליכט געווארן גרעסער, מוסיף והולך, נאך א איד, נאך א מקורב, נאך א ליכט צינד זיך אן, אזוי מער און מער מעלין בקודש, און פון די אנדערע זייט איז די התנגדות איז געווארן שוואכער און קלענער, מסרת גיבורים ביד חלשים, ורבים ביד מעטים.

ר׳ לוי יצחק בענדער ז״ל האט דערציילט אז עס זענען געווען אין זיין צייט ווען ער האט געוואוינט אין אומאן אן א שיעור מתנגדים, גאנצע חסידות׳ן וועלכע זענען געווען באוואוסט לאנגע יארן אז זיי שטייען אנטקעגן די וועג פון הייליגן רבי׳ן, זיי זענען געווען פיל, גרויס און אנגענומען, אנטקעגן די ביסל צאמגעליבענע חסידים פון דער ברסלב׳ער קלויז, אבער צום סוף איז נישט געבליבן קיין סאך פון זיי, ווען די נייע געזעצן פון קאמוניסטן זענען ארויס ליידער קעגן אידישקייט, אזוי אז ער האט ממש געזען מיט די אויגן דעם נס, וויאזוי

די קליין אמת'ע ליכט פון רבי'ן הייבט אן צו בליען און שיינען מער און מער.

אזוי אויך האט דער חסיד ר' ישראל בער אדעסער ז"ל דערציילט ווען ער איז שוין געווען קרוב צו הונדערט יאר, אז אין טבריה וואו ער האט געוואוינט, זענען אלע געווען אין זיינע צייטן מתנגדים, בפרט אין דער ישיבה וואו ער האט געלערנט נעבן דעם ציון פון ר' מאיר בעל הנס, מען האט אים פארשעמט און גע'רודפ'ט, ער איז אריבער אזעלכע יסורים וואס מען קען זיך גארנישט פארשטעלן, - זיי האבן מיר נישט געוואלט צאלן חודש געלט פארן לערנען אין כולל, האט ר' ישראל בער דערציילט, "איך האב נישט געהאט קיין ברויט צו געבן פאר די קינדער, אזוי ווייט אז עס איז ליידער נפטר געווארן ביי מיר א קינד פון הונגער רח"ל, אבער דער באשעפער האט מיר געגעבן אייזערנע כוחות און די וועג פון רבי'ן האב איך נישט אפגעלאזט! אבער היינט געלויבט דעם באשעפער זע איך וואס עס איז געווארן צום סוף, איך זיץ דא מיט תלמידים, איך רעד פון רבי'ן, איך לעב א חיים טובים... פון זיי איז ליידער קיין סאך נישט געבליבן!...

דער רבי זאגט: "ימי חנוכה הם ימי הודאה די טעג פון חנוכה איז א צייט פון דאנקען און לויבן דעם אויבערשטן אזוי ווי עס שטייט: 'וקבעו שמונת ימי חנכה אלו להודות ולהלל" דעריבער איז חנוכה א גוטע צייט זיך צו דערמאנען די חסדים וואס דער באשעפער האט געמאכט מיט אונז, יעדער איינער וויפיל ער איז זוכה צו זעהן, שהבדילנו מן התועים, ער האט אונז געראטעוועט פון אלע סארטן פארקרומטע וועגן, און געלויבט ה' יתברך אז מיר קריגן זיך נישט אויף דער אמת'ער צדיק, מיר האבן עפעס א פארבינדונג צום אור. נאר אויף דעם אליין דארף מען טאנצן און לויבן דעם באשעפער, ר' נתן שרייבט אז די ליכט פון חנוכה איז נישט נאר פאר די חנוכה טעג, נאר יעדע ליכטעלע וואס מען צינדט אן חנוכה, צינדט אן א גייסטישע ליכט וואס לייכט אויף דעם איד אויף א גאנצע יאר! דאס ווארט "נחל" זאגט ר' נתן, איז ראשי תיבות ל"הדליק נ"ר ח"נוכה - נאר מיטן כח פון דעם נחל נובע מקור חכמה דער הייליגער רבי קען מען אנצינדן די ליכט, זיך באנייען און ליכטיג מאכן דאס לעבן.

אט אויף דעם נס דאנקען מיר און לויבן דעם באשעפער אין די טעג, על הניסים ועל הנפלאות, על הישועות ועל הנחמות שעשית לאבותינו בימים ההם - בזמן הזה.

מקור דיבורים פון ר' נתן: ליקוטי הלכות אורח חיים הלכות סעודה הלכה ה ליקוטי הלכות אורח חיים הלכות ברכת הודאה הלכה ו

1) ווען איז געזאגט געווארן די מעשה מאורח?

2) חנוכה האט שייכות צו ראש השנה אדער צו יום כפור (עי׳ לקוטי מוהר״ן ז׳ תנינא)

3) וועלכע שיחה רעדט דער רבי ווענן דער סוד פון דריידל?

4) וואס איז מען זוכה דורך זאגן הלל מיט א קול?

5) אין וועלכע תורה דערמאנט דער רבי ווענן ״להודות ולהלל״?

## א קליין ליכטיגע תפלה געבויט אויף ליקוטי תפלות



...אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט אַזַא גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אַז דִי שִׂמְחָה וֶועט דֶערְגְרֵייכְן בִּיז דִי פִּיס, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טַאנְצְן פוּן פְרֵייד. אוּן בִּפְרָט אִין שַׁבָּת אוּן יָמִים טוֹבִים, חֲנוּכָּה אוּן פוּרִים אוּן אַנְדֶערֶע שִׂמְחוֹת שֶׁל מִצְוָה. זַיי מִיר צוּ הִילְף זִיךְ צוּ דֶערְפְרֵייעֶן מִיטְן גַאנְצְן שְׁטַארְקֵייט בִּיז אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין צוּ טַאנְצְן אַסַאךְ.

אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה אוּן טוּן אַלֶע מִצְוֹת מִיט אַ גְרוֹיס פְרֵייד אַז דִי שִׂמְחָה וֶועט דֶערְגְרֵייכְן בִּיז דִי פִּיס אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ הֵייבְן דִי פִּיס אוֹיף אַרוֹיף, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זִיךְ דֶערְבַּארִימֶען אוּן אוֹיפְהֵייבְן אַלֶע תּוֹמְכֵי תּוֹרָה, וֶועלְכֶע זֶענֶען דִי אֱמֶת׳ע אָנְלַיינֶער וָואס הַאלְטְן אוֹיס דִי לוֹמְדֵי תּוֹרָה אוּן הֶעלְפְן זֵיי אַרוֹיס מִיט זֵייעֶר בְּרֵייטֶע גוּטֶע הַאנְט.



... אוּן זוֹכֶה זַיין דוּרְכְן צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע אוֹיל פוּן חֲנוּכָּה צוּ פַּרְנָסָה וָואס וֶוערְט נִמְשָׁךְ פוּן מְקוֹר הָרָצוֹן, אַז מֶען זָאל גְלוּסְטְן אוּן בֶּענְקֶען צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע רָצוֹן אָן קַיין שִׁיעוּר. ...אוּן דֶער מֶענְטְש וֶועט אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין אַז צוּ אַזַא חֲנוּכָּה קֶען מֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין נָאר דוּרְכְן זִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ דֶער רֶבִּי אוּן מַנְהִיג וָואס עֶר אִיז דֶער אֱמֶת׳ער רַחְמָן, ווארויל אִיז דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה אִים צוּ טְרֶעפְן. (תפלה ב׳ תנינא)



דֶער עִיקָר קְדוּשַּׁת בֵּית הַמִקְדָּשׁ וָואס מֶען אִיז מַמְשִׁיךְ אִין חֲנוּכָּה אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ דֶעם הֵיילִיגְן דַעַת ״צוּ וִויסְן אוּן צוּ מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַנְדֶערֶע אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער עֶר אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער.״
(תפלה ז׳ תנינא)

***גייענדיג צום דרוק איז ליידער געקומען די בשורה אז דער חשוב'ער ברסלב'ער חסיד הרה"ח רבי בנימין זאב קנעפלמאכער ז"ע איז נפטר געווארן.***



מיט גאר קורצע ווערטער וועלן מיר פרובירן ארויסגעבן אויפן בלאט וואס מען קען שרייבן אין געציילטע מינוטן.

ווער עס האט געהערט די זיסע שריידיגע ברומען פון ר' בנימין זאב ביים דאווענען ווערט אין זיין לעבן נישט פארגעסן וואס מיינט א זיסקייט אין די ווערטער פונעם דאווענען, ווען ער האט זיך באלעקט זיינע פינגערס מיט יעדעס ווארט פונעם סידור אן קיין גוזמה, אזוי ווי א קליין קינד לעקט אויס אן אייז-קרעים ביזן לעצטן טראפל. איי די קולות התפלה וואס האט גענומען שעות אויף שעות ווען אינמיטן דאווענען כאפט ער א ליקוטי הלכות צו קענען טרעפן נאך עפעס א גוט שטיקל וואס זאל אים אנווארימען [מיר דארפן נישט אלעס נאכמאכן ווייל ווען מען דאוונט איז נישט כדאי צו עפענען א ספר, אבער פאר ר' בנימין זאב האט גענומען די דאווענען עטליכע שעות, נישט קענענדיג זיך אפגעזעגענען דערפון האט ער געהאט אזא סארט עבודה].

ר' בנימין זאב פלעגט זיצן אסאך פרייטאג צו נאכטס און ביי חבורות און זינגען ניגוני התלהבות, ער האט געהאט אזא שטארקע געפיל אין ניגונים אז ער פלעגט מיר זאגן אויפן שנעלן ניגון פון קה רבון עלם וואס מען זינגט אין ברסלב אז דאס נישט ממש א ברסלב'ע ניגון ווייל מען כאפט אפ דעם קה רבון עלם זייער שנעל אן דעם ריכטיגן געפיל, אבער דער קה רבון עלם וואס מען זינגט אין תולדות אהרן [ניגון פונעם בני יששכר] דאס איז ריכטיגער ברסלב'ער ניגון, ווייל עס איז פול מיט הארץ און בענקעניש צום באשעפער. [נ.ב ר' נתן האט דוקא געזונגען פרייטאג צו נאכטס די שנעלע ניגונים, עס זאל זיין פרייליך מיט א שמחה].

אזא געפיל האט ר' בנימין זאב געהאט אין א ניגון, איך דערמאן זיך ווען איין יאר איז אויסגעקומען פאר ר' בנימין זאב צו וויילן אין קרית יואל אויף יום טוב שבועות ווען ער איז ספעציעל אריין אין גרויסן שול צו קענען מיטזינגען דעם אהבה רבה ניגון [פון רבי הערש מ'רימנוב ז"ע] ווען טויזנטער אידן זינגען און פארגיסן טרערן, דאס האט אים געגעבן א ברען פאר לאנגע טעג. ער האט געהאט א גאר שטארקע עבודה צו פארגיסן און זיך פארבענקען ביי דעם ברכה פון והערב נא צו בעטן פון באשעפער אויפן אהבת התורה און טאקע איין יאר האט ער פורים געזאגט פארן ציבור אין ברסלב'ע שול אז ער וויל געבן פארן עולם א מתנה, "איך וויל אייך געבן א מתנה" האט ער אויסגעשריגן צום עולם.

ער האט דאן פארציילט פון א איד וואס האט ביי ברכת והערב-נא געבעטן מיט גרויס כוונה און האט דעריבער זוכה געווען צו גאר א גרויסע ישועה ביי איינע פון זיינע קינדער, האט ער פורים אין שול מאה שערים אויסגעשריגן איך וויל אייך געבן א מתנה: "א גוטע תפלה מיט די ריכטיגע כוונה ביים בעטן דעם והערב נא וועט אייך ברענגען די ריכטיגע נחת פון אייערע קינדער א.א.וו" [בערך אזוי איז דער שמועס געגאנגען].

איך דערמאן זיך זייענדיג אין ווילאמסבורג מיט ר' בנימין זאב, האט ער ארומגערעדט איבער די חשיבות פון מצות ציצית וויפיל מען דארף מחשיב זיין אזא טייערע מצות האט ער מיר פארציילט פון א איד וואס וואשט נישט אויס קיינמאל זיינע ציצית! ווען איך האט מיר געוואונדערט אויף אזא סארט מנהג, האט ער מיר געגעבן צו פארשטיין אז דער איד וואשט קיינמאל נישט אויס זיינע ציצית ווייל ווען עס ווערט אים שמוציג זיינע ציצית קויפן ער תיכף א נייע ציצית! ער האט דערמיט געוואלט ארויסברענגען די טייערקייט פון די מצוה. [דאס איז ווידער נישט קיין מנהג וואס מען דארף נאכמאכן, אבער צו לערנען די חשיבות פון די מצוה].

ר' בנימין זאב איז ליידער אריבער ביטערע שווערע יסורים משך זיין לעבן וואס איז אוממעגליך צו באשרייבן, אלע סארט קרענק וואס א מענטש קען נאר האבן איז אריבער אויף אים, אבער דאס האט נישט גורם געווען אז זיין שמייכל זאל זיך אפטון פון זיין אפגעדארטן גוף, אפילו ער האט פארלוירן רוב פון זיין געשטעל, זיין קול א.א.וו איז ער געבליבן א לייב צו דינען דעם באשעפער מיט וואס מען קען נאר.

איך האב געקענט ר' בנימין זאב נאר אין די יארן ווען ער איז שוין ליידער נישט געווען אין די פרישע כוחות, אבער איך האב געהערט אז ער פלעגט פארלערנען גאנצע בלעטער גמרות און געבן שיעורים יארן לאנג, ער האט געהאט אזא אהבה צו די תורה הקדושה אז מען האט עס אנגעזען אויף אלע זיינע אברים ווען איך האב גערעדט מיט אים דברי תורה, מען האט געזען ווי די תורה איז ביי צוקער ווי האניג אויף א וואונדערליכן אופן וואס האט איבערגעגאסן ווייטער אויף אנדערע צו ווערן אריינכאפן תורה וואס מער.

ווער עס גייט אין גרויסן שול מאה שערים קען נאך טרעפן אביסל פון ר' בנימין זאב'ס הערליכע האנט-ווערק וואס ער האט אויסגעשניצט פון האלץ, די שיינע טאוולען אויפן ארון הקודש, דעם רבי'נס ליכטל האלטער קען מען טרעפן אין עטליכע ברסלב'ע שולן, מיט אזויפיל הארץ און געפיל האט ער באשיינט און באצירט טאוולען און גאר שיינע קונצווערק למען כבוד התורה וכבוד הצדיק.

יהא זכרו ברוך, מיר האבן געשריבן נאר אויפן שפיץ גאפל נישט קענענדיג זיך איינהאלטן, און מיר בעטן פון באשעפער מיר זאל אלע קענען כאפן פון זיינע גוטע מעשים וואס ער האט איבערגעלאזט פאר אונז צו קענען ווייטער דינען דעם באשעפער מיט א זיסקייט און אהבה צום באשפער.

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת



## מַעֲשֶׂה ט׳

## דֶער חָכָם מִיטְן תָּם 7

זֶענֶען זֵיי אַזוֹי אוֹיסְן־גֶעוֶוען [אַרוּמְגֶעוַואנְדֶערְט] אוֹיף דֶער וֶועלְט! – בִּיז סְ׳אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען, אַז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ דֶער שְׁטָאט וָואס דָארְט וואוֹינְט דֶער ׳מִינִיסְטֶער׳ הַנַ״ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], (דְהַיְינוּ: דֶער ׳תָּם׳, זַיין חַבֶר פוּן דֶעם ׳חָכָם׳, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

אוּן דָארְט אִין דֶער שְׁטָאט, אִיז גֶעוֶוען אַ אֶמֶתֶע׳ר ׳בַּעַל־שֵׁם׳! – אוּן דֶער ׳בַּעַל־שֵׁם׳ אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעוֶוען, וָוארְן עֶר הָאט גֶעטָאן וִוילְדֶע [ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע] זַאכְן בֶּאֱמֶת! – אוּן אֲפִילוּ צְוִוישְׁן ׳שְׂרָרוֹת׳ [מִינִיסְטָארְן], אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ מְפוּרְסָם, אוּן אִיז בַּיי זֵיי חָשׁוּב גֶעוֶוען!

אוּן דִי ׳חֲכָמִים׳, זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִין דֶער שְׁטָאט אַרַיין! – אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען! – אוּן זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען פַאר דֶער שְׁטוּבּ פוּן דֶעם ׳בַּעַל־שֵׁם׳! – הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן: ״סְ׳שְׁטֵייט דָארְט אַסַאךְ וֶועגְלֶעךְ [וֶועגֶענֶער מִיט ׳חוֹלִים׳, פֶערְצִיג אָבֶּער [אָדֶער] פוּפְצִיג״!

הָאט דֶער ׳חָכָם׳ גֶעמֵיינְט: ״אַז דָארְט וואוֹינְט אַ ׳דָאקְטֶער׳״! – הָאט עֶר גֶעוָואלְט צוּ אִים אַרַיינְגֵיין, מַחֲמַת [וַוייל] עֶר אִיז זִיךְ אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער ׳דָאקְטֶער׳ – הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין, עֶר זָאל זִיךְ מִיט אִים דֶערְקֶענֶען [בַּאקַאנְט מַאכְן].

הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: ״וֶוער וואוֹינְט דָא״?! – הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אַ ׳בַּעַל־שֵׁם׳״!

הָאט עֶר גֶעטָאן אַ גְרוֹיס ׳גֶעלֶעכְטֶער׳, אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּם אַנְדֶערְן (דְהַיְינוּ: צוּם ׳חָכָם׳ דֶער ׳שְׁלִיחַ׳):

״דָאס אִיז נָאךְ אַ ׳לִיגְן׳ [לִיגְנְט] אוּן [זֵייעֶר] אַ [ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע] ׳נַארִישְׁקֵייט׳ – דָאס אִיז נָאךְ מֶער ׳נַארִישְׁקֵייט׳, אֵיידֶער [פוּן] דֶער ׳טָעוּת׳ פוּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳!

בְּרוּדֶער! אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן דָאס ׳פַּאלְטְשְׁקֵייט׳, וְוִיאַזוֹי דִי וֶועלְט אִיז אִין ׳טָעוּת׳, אוּן אַזוֹי אַ ׳לִיגְן׳ [אַזַא לִיגְנְט]״!

דֶערְוַוייל זֶענֶען זֵיי הוּנְגֶערִיג גֶעוֶוען! – הָאבְּן זֵיי בַּיי זִיךְ נָאךְ גֶעפוּנֶען דְרֵיי־פִּיר ׳גְרָאשְׁן׳! זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער ׳גָאר־קֶעךְ׳ [בֵּית־הַתַּבְשִׁיל] אַרַיין! – אוּן דָארְט קְרִיגְט מֶען עֶסְן אֲפִילוּ פַאר דְרֵיי־פִּיר ׳גְרָאשְׁן׳! – אוּן הָאבְּן זִיךְ גֶעהֵייסְן גֶעבְּן עֶסְן! – הָאט מֶען זֵיי גֶעגֶעבְּן!

דֶערְוַוייל וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן – הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁמוּעֶסְט, אוּן הָאבְּן גֶעשְׁפֶּעט, פוּן דֶעם ׳לִיגְן׳ [לִיגְנְט] אוּן פוּן דֶעם ׳טָעוּת׳ פוּן דֶעם ׳בַּעַל־שֵׁם׳ (וִוי דִי וֶועלְט אִיז זִיךְ טוֹעֶה)!

אוּן דֶער ׳גָאר־קֶעכֶער׳ [קֶעכֶער] הָאט גֶעהֶערְט זֵייעֶרֶע רֵייד! – הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן! וָוארְן דֶער ׳בַּעַל־שֵׁם׳ אִיז דָארְט זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעוֶוען! – הָאט עֶר צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: ״עֶסְט אַייךְ אָפּ וָואס אִיר הָאט, אוּן

גֵייט אַייךְ אַרוֹיס פוּן דַאנֶעט"!

נָאכְדֶעם אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין, אַ 'זוּהְן' פוּן דֶעם 'בַּעַל־שֵׁם'! – אוּן זֵיי הָאבְּן נָאךְ [אַלְץ] גֶעשְׁפֶּעט פוּן דֶעם 'בַּעַל־שֵׁם', [אוֹיףְ פַּאר] דֶעם 'זוּהְן' אִין דִי אוֹיגְן!

הָאט זֵיי דֶער 'גָאר־קֶעכֶער' אָנְגֶעשְׁרִיגְן: "נָאךְ [אוֹיף] וָואס זֵיי שְׁפֶּעטְן פוּן דֶעם 'בַּעַל־שֵׁם', [פַּאר] דֶעם 'זוּהְן' אִין דִי אוֹיגְן"!

בִּיז דֶער 'גָאר־קֶעכֶער' הָאט זֵיי גֶעשְׁלָאגְן גַאנְץ שְׁטַארְק, אוּן הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶעשְׁטוּפְּט פוּן זַיין שְׁטוּבּ!

הָאט עֶס זֵיי זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן! – הָאבְּן זֵיי גֶעוָואלְט זוּכְן אַ 'מִשְׁפָּט', אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעשְׁלָאגְן!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: "זֵיי וֶועלְן גֵיין צוּ זֵייעֶר 'בַּעַל־הַבַּיִת', וָואס זֵיי הָאבְּן דָארְט אָפְּגֶעלֵייגְט [אַרָאפְּגֶעלֵייגְט] זֵייעֶרֶע פֶּעקְלֶעךְ, זֵיי זָאלְן מִיט אִים אַ עֵצָה הַאלְטְן, וְוִיאַזוֹי זֵיי זָאלְן דֶערְלַאנְגֶען [דֶערְגְרֵייכְן אַז מְ'זָאל מַאכְן] אַ 'מִשְׁפָּט' אוֹיף דֶעם 'גָאר־קֶעכֶער' וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעשְׁלָאגְן"!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן [פַּאר] זֵייעֶר 'בַּעַל־הַבַּיִת' דָאס דֶערְצֵיילְט: "אַז דֶער 'גָאר־קֶעכֶער' הָאט זֵיי זֵייעֶר גֶעשְׁלָאגְן"!

הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס"?! – הָאבְּן זֵיי אִים דֶערְצֵיילְט: "וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט אוֹיף דֶעם 'בַּעַל־שֵׁם'"!

הָאט זֵיי דֶער 'בַּעַל־הַבַּיִת' גֶעעֶנְטְפֶערְט: "ס'אִיז אַוודְאַי קַיין יוֹשֶׁר נִישְׁט, אַז מֶען זָאל שְׁלָאגְן מֶענְטְשְׁן! – לוּשְׁמִיר [אָבֶּער] אִיר הָאט אָבֶּער גָארְנִישְׁט רֶעכְט [רִיכְטִיג] גֶעטָאן, נָאךְ [אוֹיף] וָואס אִיר הָאט גֶערֶעדְט אוֹיף דֶעם 'בַּעַל־שֵׁם' – וָוארְן דֶער 'בַּעַל־שֵׁם' אִיז דָא זֵייעֶר חָשׁוּב"!

הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן: "[אַז ס'אִיז נִישְׁט פַארְהַאן אִין אִים גָארְנִישְׁט, אוּן] אַז עֶר אִיז אוֹיךְ אִין 'טָעוּת'"!

זֶענֶען זֵיי פוּן אִים אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם 'פָּקִיד' [הוֹיפְּט] – אוּן דֶער 'פָּקִיד' אִיז גֶעוֶוען אַ 'גוֹי' – הָאבְּן זֵיי אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה: "אַז מֶען הָאט זֵיי גֶעשְׁלָאגְן"!

הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס"?! – הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: "וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט אוֹיף דֶעם 'בַּעַל־שֵׁם'"!

הָאט זֵיי דֶער 'פָּקִיד' אוֹיךְ גֶע'הַרְגֶ'עט גֶעשְׁלָאגְן! – אוּן הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶעשְׁטוּפְּט.

זֶענֶען זֵיי פוּן אִים אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, אוּן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ הֶעכֶערְן וָואס הָאט צוּ שַׁאפְן! – אוּן הָאבְּן אַלְץ נִישְׁט גֶעפּוֹעֶלְט קַיין 'מִשְׁפָּט'!

אוּן זֶענֶען אַזוֹי אַלְץ גֶעגַאנְגֶען, פוּן אֵיינֶעם צוּם אַנְדֶערְן – אַלֶעמָאל צוּ אַ הֶעכֶערְן! (אוּן הָאבְּן אַלְץ נִישְׁט גֶעפּוֹעֶלְט, נָאר מֶען הָאט זֵיי גוּט גֶעשְׁלָאגְן אַלֶעמָאל)!

בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען פַּאר דֶעם 'מִינִיסְטֶער' (דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער 'תַּם' כַּנַ"ל [וְוִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])! – אוּן דָארְט פַּאר דֶעם 'מִינִיסְטֶער', זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען 'וַואכְן'!

הָאט מֶען גֶעמֶעלְדֶעוֶועט [גֶעלָאזְט וִויסְן] פַּאר דֶעם 'מִינִיסְטֶער': "אַז אַ מֶענְטְשׁ בַּאדַארְף [דַארְף] צוּ אִים"! – הָאט עֶר גֶעהֵייסְן: "אַז עֶר זָאל אַרַיינְגֵיין"!

אִיז דֶער 'חָכָם' גֶעקוּמֶען פַּאר דֶעם

'מִינִיסְטֶער'!

ווִי עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען – הָאט אִים דֶער 'מִינִיסְטֶער' תֵּיכֶּף דֶערְקֶענְט: "אַז דָאס אִיז דֶער 'חָכָם' זַיין חַבֵר"! אוּן דֶער 'חָכָם' הָאט אִים נִישְׁט דֶערְקֶענְט – מֵחֲמַת [ווייל] עֶר אִיז הַיינְט אִין אַזוֹי אַ [אַזאַ] גְדוּלָה [גְרוֹיסְקֵייט]!

הָאט תֵּיכֶּף דֶער 'מִינִיסְטֶער' אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ אִים צוּ רֶעדְן, אוּן עֶר הָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט: "זֶעה צוּ וָואס מַיין 'תְּמִימוּת' הָאט מִיךְ גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט], צוּ אַזוֹי אַ גְדוּלָה [אַזאַ גְרוֹיסְקֵייט]! – אוּן צוּ וָואס דַיין 'חָכְמָה' הָאט דִיךְ גֶעבְּרַאכְט"!

הָאט זִיךְ דֶער 'חָכָם' אָנְגֶערוּפְן, אוּן הָאט גֶעזָאגְט: "אַז דוּ בִּיזְט דָאס מַיין חַבֵר דֶער 'תַּם'", דֶערְפוּן וֶועלְן מִיר שְׁפֶּעטֶער שְׁמוּעֶסְן – לְעֵת־עַתָּה גִיבּ מִיר אַ 'מִשְׁפָּט', נָאךְ [אוֹיף] וָואס מֶען הָאט מִיךְ גֶעשְׁלָאגְן"!

פְרֶעגְט עֶר אִים: "פַארְוָואס הָאט מֶען דִיךְ גֶעשְׁלָאגְן"?!

עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים: "אָט ווייל אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט אוֹיף דֶעם 'בַּעַל־שֵׁם', וָואס עֶר אִיז אַ 'לִיגְנֶער'! – אוּן דָאס אִיז גָאר אַ 'שְׁווִינְדְל'"!

רוּפְט זִיךְ אָן דֶער 'תַּם' דֶער 'מִינִיסְטֶער' צוּ אִים: "נָאךְ [אַלְץ] הַאלְסְטוּ דִיךְ אִין דַיינֶע חָכְמוֹת?!

זֶעה דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט: 'אַז דוּ קֶענְסְט אוֹיף מַיינֶעם קוּמֶען גָאר גְרִינְג, אוּן אִיךְ וֶועל אוֹיף דַיינֶעם נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען'!

הַיינְט זֶעה: אַז אִיךְ בִּין אוֹיף דַיינֶעם שׁוֹין לַאנְג גֶעקוּמֶען (וָוארְן דֶער 'תַּם' אִיז זִיךְ שׁוֹין גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער 'חָכָם' אוֹיךְ, כַּנַ"ל [ווי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])! אוּן דוּ בִּיסְט נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען אוֹיף מַיינֶעם!

אוּן אִיךְ זֶעה: אַז דָאס אִיז שְׁוֶועֶרֶער, אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף מַיין 'תְּמִימוּת'"!

אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט, ווייל דֶער 'תַּם' דֶער 'מִינִיסְטֶער', הָאט אִים גֶעקֶענְט פוּן לַאנְג, אַז עֶר אִיז אַמָאל גְרוֹיס גֶעוֶוען – הָאט עֶר אִים גֶעהֵייסְן: "[אַז מֶען זָאל אִים גֶעבְּן 'קְלֵיידֶער', אַז מֶען זָאל אִים אָנְטָאן"! – אוּן הָאט אִים גֶעבֶּעטְן: "אַז עֶר זָאל מִיט אִים עֶסְן"!

בְּשַׁעַת [בְּשַׁעַתְ'ן] עֶסְן, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן! הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶער 'חָכָם' אִים צוּ דְרִינְגֶען [אוֹיפְוַוייזְן] זַיין 'נַארִישֶׁע דֵעָה' [גֶעדַאנְק]: "אַז סְ'אִיז גָאר קֵיין 'מֶלֶךְ' נִישְׁט דָא"!

הָאט אוֹיף אִים דֶער 'תַּם' דֶער 'מִינִיסְטֶער', אַ גֶעשְׁרֵיי גֶעטָאן: "וָואס זָאגְסְטוּ? אִיךְ אַלֵיין הָאבּ זִיךְ גֶעזֶעהְן דֶעם 'מֶלֶךְ'"! עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער 'חָכָם' מִיט 'גֶעלֶעכְטֶער':

"דוּ ווייסְט 'אַלֵיין' אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער 'מֶלֶךְ'?! – דוּ קֶענְסְט אִים?! – דוּ הָאסְט גֶעקֶענְט זַיין טַאטְן, זַיין זֵיידְן, אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען 'מְלָכִים'?! – פוּן וַואנֶעט ווייסְטוּ אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער 'מֶלֶךְ'?!

[ווייל] 'מֶענְטְשְׁן' הָאבְּן דִיר גֶעזָאגְט: 'אַז דָאס אִיז דֶער 'מֶלֶךְ''?! – זֵיי הָאבְּן דִיךְ אָפְּגֶענַארְט"!

הָאט דָאס דֶער 'תַּם' זַייעֶר פַארְדְרָאסְן: "אוֹיף דֶעם וָואס עֶר לֵייקְנְט אִין דֶעם 'מֶלֶךְ'"!

נאָמען: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די ניינטע מעשה - דער חכם און דער תם (7)

**א. צו וועלכע שטאט זענען די חכמים אן געקומען אין זייער וועג?**
- ❑ אין די שטאט וואס דער חכם איז געבוירן
- ❑ אין די שטאט וואס דער תם וואוינט דארט.
- ❑ אין די שטאט וואס דער מלך וואוינט דארט.

**ב. וואס האבן די חכמים געזען אין פארנט פון דער בעל שם'ס שטוב ?**
- ❑ גרויסע הייליגע צדיקים.
- ❑ דער תם האט דארטן געווארט אויף אים.
- ❑ אסאך וועגעלעך מיט חולים.

**ג. פארוואס האט דער חכם געוואלט אריין גיין צו דעם בעל שם?**
- ❑ ווייל ער האט געוואלט א ברכה פון צדיק.
- ❑ ווייל ער האט געוואלט מוכיח זיין פארן בעל שם אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט.
- ❑ ווייל ער האט געמיינט אז דארט וואוינט א דאקטער, און ער האט געוואלט זיך מיט אים דערקענען.

**ד. וואס האבן די חכמים געטאן אין גאר קעך (בית התבשיל)?**
- ❑ זיי האבן געשפעט פן דעם אז עס איז דא א מלך.
- ❑ זיי האבן געשפעט פן דעם בעל שם.
- ❑ זיי האבן געבעטן אסאך עסן.

**ה. וואס האט זיי געזאגט דער גאר קעכער?**
- ❑ זיי זאלן שנעל ארויס גיין פון גאר קעך.
- ❑ עסט אייך אפ און גייט ארויס פון דאנט.
- ❑ מען טאר נישט רעדן אינמיטן עסן.

**ו. וואס האט זיי דער גאר קעכער געטאן נאך ווען דער זון פון דער בעל שם איז אריין געקומען?**
- ❑ ער האט זיי געשלאגן גאנץ שטארק.
- ❑ ער האט זיי ארויס געשטופט פון זיין שטוב.
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ז. וואס האט דער פקיד (דער גוי) געטאן פאר די חכמים אויף דעם וואס זיי האבן גערעדט אויפן בעל שם?**
- ❑ ער האט זיי געשלאגן גאנץ שטארק.
- ❑ ער האט זיי ארויס געשטופט פון זיין שטוב.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ח. וואס האט דער תם (דער מיניסטיר) געזאגט צום חכם ווען ער איז געקומען צו אים ?**
- ❑ זעה צו וואס מיין תמימות האט מיך געבראכט צו אזא גדולה.
- ❑ זעה צו וואס דיין חכמה האט דיך געבראכט.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ט. וואס לערנסטו זיך דערוייל פון די מעשה?**
- ❑ אז תמימות ברענגט א מענטשן צו אזא גדולה.
- ❑ אז חכמות ברענגט א מענטשן צו עניות.
- ❑ ________________________.

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק

מַיין תְּמִימוּת. הָאט מִיךְ גִיבְּרַאכְט צוּ אַזוֹי אֵיין גְדוּלָה



## טיפער געטראכט

וואו זעט מען ביי די מעשה אז דער תם האט רחמנות געהאט אויפן חכם, - און אוואו זעט מען ביי די פרעדיגע וואכן אז דער חכם האט רחמנות געהאט אויפן תם ?

וואס איז אנדערש וואס דער גאר קעך האט געטון צו די חכמים – צו דאס וואס דער פקיד דער גוי האט געטון צו די חכמים ?

תשובות אויף די מעשה פון דער חכם מיטן תם (6)☐

וועלכע אידה האט דער חכם זיך געפירט כדי צו ווייזן אז עס איז נישטא קיין מלך (ח"ו)? איז טעה פסולה

וויפיל מאל האט דער חכם מוכיח געווען אז עס איז נישטא קיין מלך (ח"ו) ? 4 מאל

**דער געווינער אויף חכם ותם #6 איז נאכאמאל דער געווינער**
**הילד החשוב אהרן קיפניס, בית שמש**

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040

# אײנְזַאם אַלײן

זִיצְט זִיךְ דֶער חָכָם אִין שְׁטוּבּ פון דֶער תָּם, און שְׁמוּעֶסְט מִיט אִים. צְווִישְׁן דִי וֶוערְטֶער לָאזְט עֶר הֶערְן שְׁפָּאט רֵייד אִיבֶּער דֶער קֶענִיג וָואס עֶקְזִיסְטִירְט נִישְׁט'. זָאגְט דֶער תָּם פַאר'ן חָכָם: "קוּק צו וואו דַיינֶע חָכְמוֹת הָאבְּן דִיר גֶעפִירְט, צו אַזַא נִידְרִיגֶע אָרְט! צו גֶעדֶענְקְסְטוּ וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט 'הַלְוַאי זָאלְסְטוּ אויף מַיינֶעם אָנְקוּמֶען?...

שָׁאוּל, דֶער גֶעלוּנְגֶענֶער קִינְד, הָאט טָאג טֶעגְלִיךְ פַּארְפִירְט אִין כִּתָּה מֶער און מֶער אַנְטְקֶעגְן דֶעם מְלַמֵּד און דֶער גַאנְצֶער שְׁטַאבּ פון תַּלְמוּד תּוֹרָה. מִיט דִי צַייט, הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער שוֹין גֶעווּאוּסְט: שָׁאוּל אִיז נִישְׁט דָאס וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען. עֶר רֶעגְט זִיךְ, פַּארְפִירְט, און הֶעצְט. חוּץ פון שְׁלֶעכְטֶע רֵייד אַנְטְקֶעגְן דֶער וָואס הָאט אִים נָאר אַמָאל עֶפֶּעס גוּטְס גֶעטוּן, אִיז נִישְׁטָא וָואס צו שְׁטֵיין מִיט אִים אִין וָוארְט. אויךְ אִין דִי לִימּוּדִים אִיז עֶר שְׁוַואכֶער גֶעוָוארְן, און אִינְאֵיינֶעם מִיט דֶעם הָאבְּן אויךְ זַיינֶע יְדִיעוֹת זִיךְ אָפְּגֶעשְׁוַואכְט.

דֶער מְלַמֵּד הָאט אַהֵיימְגֶעשִׁיקְט שָׁאוּל פַאר אַפָּאר טָאג, אויף זִיךְ צו אִיבֶּערְרֶעכֶענֶען אַ נַייעֶ רִיכְטוּנְג - וִויאַזוֹי עֶס פַּאסְט פַאר אַ כִּמְעַט-בַּר מִצְוָה בָּחוּר'ל זִיךְ צו אויפְפִירְן מִיט דִי רִיכְטִיגֶע דֶרֶךְ-אֶרֶץ א.א.וו.

טְרוּקֶענֶע שָׁעוֹת און דֶערְבִּיטֶערְטֶע טֶעג זֶענֶען אַרִיבֶּער אויף שָׁאוּל אֵיינְזַאם בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ.

אֵיין טָאג זֶעט אִים דֶער שָׁכֵן און פְרֶעגְט אִים: "זָאג נָאר שָׁאוּל, דו שְׁפִּירְסְט נִישְׁט גוּט? אִיךְ זֶע דִיר דָא טָאג-טֶעגְלִיךְ, וָואס הָאט פַּאסִירְט?"

"אִיךְ וֶועל דִיר עֶנְטְפֶערְן אוֹיפְרִיכְטִיג", הָאט שָׁאוּל אִים גֶעזָאגְט, "אַלֶע הַיינְטִיגֶע מְלַמְּדִים, פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט צו חִינוּךְ, זֵיי מֵיינֶען אַז זֵיי קֶענֶען, אָבֶּער בֶּאֱמֶת... בְּקִיצוּר, דֶער מְלַמֵּד 'הַאלְט' אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶערֶעדְט גֶענוּג מְכוּבָּד'ִיג צו אִים, און - הַיינְט בִּין אִיךְ אִין שְׁטוּבּ..." אַזוֹי הָאט שָׁאוּל אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיינֶע טַעֲנוֹת.

"זָאלְסְט ווִיסְן מַיין פְרַיינְט שָׁאוּל, אַז דו הָאסְט נִישְׁט קֵיין מוּשָּׂג ווִיפִיל אַ מְלַמֵּד אִיז מַשְׁקִיעַ צו זֶען זַיינֶע תַּלְמִידִים שְׁטַייגְן און מַצְלִיחַ זַיין. וֶוען דו שְׁלָאפְסְט שוֹין טִיף אַיינְגֶעדְרֵייט אִין דַיין דָאכֶענֶע זִיצְט נָאךְ דַיין מְלַמֵּד און גְרֵייט אָן דִי מָארְגְנְדִיגֶע שִׁיעוּר, מֶען דַארְף זֵיי אַלֶעמָאל אויף יֶעדְן פַאל מְכַבֵּד זַיין און מַכִּיר טוֹב זַיין".

שָׁאוּל רֶעגְט זִיךְ אָבֶּער אויף: "דו בִּיסְט אויךְ פון דִי וָואס זֶענֶען פַארְנַארְט צו הַאלְטְן פון דִי מְחַנְּכִים..."

שַׁבָּת טְרֶעפְט שָׁאוּל זַיין פֶעטֶער ר' מִיכָל, און עֶר הָאט זִיךְ אויךְ פַארְאִינְטֶערֶעסִירְט, גֶעזָאגְט זַיין פָּאזִיטִיוְון מֵיינוּנְג אויף דִי נוֹשֵׂא, און אויף אִים הָאט זִיךְ שָׁאוּל אויךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט...

דִי וַוייטָאג פון שָׁאוּל אִיז גֶעוַואקְסְן, בִּיז וֶוען עֶר הָאט מַחְלִיט גֶעוֶוען צו גֵיין שְׁפִּילְן בַּיינַאכְט מִיט

המשך אויף זייט 5

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר פסח ניילינגער הי"ו
לרגל חאלאקע של בנו היקר ראובן למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אברהם בעק הי"ו
לרגל הבר מצוה של בנו למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר שמואל שלמה בלוי הי"ו
לרגל שמחת נשואי בנו למזל טוב